# חברה "מחזיקי הדת" דארצות הברית וקנדה – "מצוות עירוב"

צווייטע יארגאנג נאמער 20 - ב"ה ברוקלין נוא יארק – חודש תמוז שנת תשס"ג לפ"ק - יולי 26 - 03

נתייסד על ידי בית דין מיוחד לעניני חיזוק הדת: הרב שמשון חיים מאשקאביטץ גאב"ד - הרב משה בנימין שווארץ ראב"ד - הרב עזרא קליינמאן דומ"ץ

## מכתבים למערכת מכתב א'

לכבוד וועד הבית דין של מחזיקי הדת שליט"א.

... איך האב געליינט עטליכע פון אייערע מאמרים וועגן עירוב, עס איז באמת אמת'ע ווערטער, אבער דאך פארשטיי איך נישט, עס זענען דאך דא רבנים וואס זאגען נאך בשם רבינו הק' מסאטמאר אז ער איז געווען א לוחם קעגען עירוב? איז רבינו הק' מסאטמאר נישט געווען גענוג גרויס ער זאל קענען זאגען זיין דעה?

תשובה: ווער האט נישט געקענט רביה"ק מסאטמאר וואס האט לוחם געווען אויף יעדע קוצו של יוד, ח"ו צו טראכטען אויף רבינו הק' ער זאל ארויס גיין א קעגען די תוה"ק, חס מלהזכיר! דא האט איר דעם לשון פון רביה"ק וואס ער האט געשריבען בחיים חיותו:

רבינו הקדוש מסאטמאר זי"ע: הי' מרגלא בפומי' דברי הים של שלמה (ב"ק פ"ד ס"ט) והשלה"ק (מסכת שבועות): דתורתינו הוא תורת אמת, ואסור לשנות אפילו אות אחת מדברי התוה"ק, וחייב למסור עצמו על זה, והאומר על פטור חייב או על חייב פטור הוה ככופר בתורת משה, דמה לי דיבור אחד ומה לי כל התורה. ועיין ויואל משה (מ"א אות ע"ו): שדיבר של כפירה באות אחת בתוה"ק יש לו דין יהרג ואל יעבור, וראה שו"ת דברי יואל (סימן צ"ז דהחיוב להגיד האמת במסירת נפש ממש), עכל"ק.

מיר האבען פאר אייך איין עצה: קוקט אריין אין די אלע ספרים וואס מיר האבען פון זיי מעתיק געווען אין די פריערדיגע מאמרים וועט איר שוין אלעס אליין פארשטיין.

## מכתב ב'

לכבוד חברי הבד"ץ שליט"א.

שאלה: ... איך יכול להיות שרבנים עבור בצע כסף של עגל הזהב יוכלו לעשות על ידי זיופים להעביר על הדת יהודים שומרי תורה ומצוות שירדו כל כך למדריגה תחתונה עד שיכולים לכפור במצוות עירוב הכתובה בתורה. על אף שבכל הדורות בד' מאות עיירות עשו עירובין, וכמבואר במאות ספרים הקדושים שכ"ת העתיקו בשבועות אחרונות?

תשובה: כל זה הוא בעבור שהאכילו אותנו בנבילות וטריפות חלב ודם עד שנעשו כופרים גמורים.

### הצדיק הקדוש רבי נתן אדלער זי"ע במלחמתו הגדולה להביא משיח

בספר דרך הנשר מובא מהצדיק הקדוש רבי נתן אדלער, שעיקר עיכוב ביאת המשיח שאינו בא הוא בגלל השחיטה שמאכילים את עם ישראל בנבילות וטריפות ואם יתקנו זאת יבא תיכף ומיד ממש, ואעתיק מה שכתב שם ממקצת מספר "האבי"ב" [ראשי תיבות אחינו בני ישראל בגולה] מהנוגע לדעת בדורנו וז"ל: ר' נתן אדלער ותלמידו ר' משה סופר מפרעשבורג מקובלים בנסתר, ר' נתן אדלער רצה לפסול השוחטים דפראנקפורט דמיין, ולהכניע חותם הסטרא אחרא ששורה על שוחטים פסולים בסוד על חרבך תחי' וגו' ואלמלא השיג כל רצונו בא משיח, אך הסמ"ך מ"ם העמיד עליו רודפים קצבים והוצרך לברוח.

וזה היה סוד ירידת הבעל שם טוב הקדוש לעלמא הדין ורמז על זה ב"זע"ם" תצעד אר"ץ, ראשי תיבות: זביחה עירובין מקוואות.

## דער בעל שם טוב הקדוש זי"ע האט פאראויס געזאט וואס דער לעצטער נסיון וועט זיין בעקבתא דמשיחא: הבעל שם טוב הק' זי"ע שומע במתיבתא דרקיע ש"מקוה" ש'חיטה וע'ירוב הם יסודי הדת שהעולם עומד עליהם

שמעתי שתלמידי הרבי ישראל בעל שם טוב זכרונו לברכה היו יושבים ביחד ומתווכחים איזהו הדבר העקרי שראש ומנהיג הדור צריך להשגיח עליו.

יש מהם אמרו שהעיקר הוא להשגיח על הזביחה שיהיה השו"ב ירא שמים, וכן בכל שאר ענינים השייכים לזה כי חס ושלום מאכלות אסורים מטמטמים את הלב.

ויש שאמרו עירובין הוא העיקר כי הלכות שבת כהררים התלויים בשערה (חגיגה דף י' עמוד א') והאיסור חמור מאוד.

ויש אמרו מקוה היא העיקר להשגיח שהמקוה תהיה כשרה בלי שום חשש, כי אם יסוד בנין האדם הוא חס ושלום בלי כשרות קשה לו מאוד להתגבר על הרע רחמנא ליצלן.

ואחר זה אמר להם מרן הרב ישראל בעל שם טוב זכרונו לברכה בזה הלשון, תיתי לי כי בעת הזאת פלפלו גם כן במתיבתא דרקיע[1] איזה מהם עיקר ואמרו כמר וכמר. והסימן הוא במקרא (חבקוק ג') בזע"ם תצעד ארץ[2] ראשי תיבות "זביחה[3], "עירובין[4], "מקוה[5], כל אלה הם יסוד הארץ. עכ"ל.

### הצדיק הקדוש בעל דברי חיים זי"ע מגלה לנו סודות נוראים

וידוע שעל ידי השוחטים הקלים שהאכילו בשר פיגול, יצאו מן הדת לערך ג' וחצי מיליאן יהודים רח"ל, כמבואר בשאלות ותשובות "דברי חיים" (יורה דעה חלק א' סימן ז') שאין עבירה כמאכלות אסורות שמטמטם הלב הישראלי, ובעונותינו הרבים ראינו דעל ידי זה יצאו מן הדת כמה קהילות בארץ לוע"ז שאכלו ונתפטמו בנבילות וטריפות על ידי השובי"ם הקלים, וגברו עליהם דעות זרות עד שנאבדו מן הקהל (עיי"ש דבריו החוצבים להבות אש).

אין היינטיגען דור וואס אויף יעדען שטיקעל בהמה פלייש וואס מיר עסען, שטייען 70 רבנים גדולי ישראל און שרייען נבילה טריפה חלב ודם, נו איז דען א וואונדער פארוואס די חלב עסעסערס גייען ארויס א קעגען מצות עירוב, עס איז דאך מצא מין את מינו וניעור! (ראה בכורות דף כ"ג ע"א. כלי יקר בראשית פרק א' פ' ו'. שם, במדבר פ' ה' פ' יז).

---

1) ראה שאלות ותשובות מן השמים, (סימן ה', הובא ברדב"ז סוף ח"ה).

2) (ספר חבקוק פרק ג' פסוק י"ב) בְּזַעַם תִּצְעַד אָרֶץ בְּאַף תָּדוּשׁ גּוֹיִם. ראה רש"י חבקוק (פרק ג' פסוק י"ב) וזה לשונו: "בזעם תצעד ארץ": - לגרש שבעה עכו"ם. ובמצודות דוד שם פירוש: תצעד ארץ - רמסת יושבי הארץ.

3) ז'ביחה: ידוע דרשות הרבים הוא מעלמא דפירודא הסטרא אחרא, ורשות היחיד הוא רשות הבורא עולם סטרא דקדושה כנסת ישראל, (ראה בתיקוני זהר (דף ס"ט עמוד א'), דרשות לחם שלמה לשמחת תורה דרוש ע'), וכו', וראה מה שכתב בעל "תולדות יעקב יוסף" (פרשת נשא בד"ה העולה) וזה לשון קדשו: עתה התחכם היצר הרע שלא יצטרך לילך ולפתות וללכוד ברשתו כל יחיד ויחיד, רק יחיד אשר רבים נכשלים בו, והוא שמעמיד שוחט בעיר מסיטרא דיליה המאכיל טריפות לרבים וכולם נלכדו ברשתו, עיי"ש. ועל ידי זה מעבירם על הדת ונעשים אפיקורסים כמו שכתוב הדברי חיים בשו"ת (יו"ד חלק א' סי' ז') כותב שעל ידי שוחטים שהיו קלים, הרבה קהילות התקלקלו בגרמניה, ועזבו את דרך היהדות רח"ל (עיין שם באריכות).

4) ע'ירובין: ראה בתיקוני זהר (דף ס"ט עמוד א'). ראה עוד מה שכתוב הצדיק הקדוש רבי שלמה זלמן עהרענרייך זי"ע משאמלויא (בעל שאלות ותשובות דרשות לחם שלמה): וכן יתאמץ כל אחד ואחד במסירות נפש שלא יפריעו חס ושלום העירוב שעשינו ברוך השם על צד היותר טוב, והארכתי בביאור הטובה הרבה של העירוב וכוונתו לעשות מרשות הרבים רשות היחיד הוא רשות הבורא עולם סטרא דקדושה כמבואר בספרים הקדושים, וכו'.ראה אוהב ישראל (לחג השבועות). ראה עוד באר מים חיים פרשת יתרו, ועיין עוד סדורו של שבת שורש ב' ענף א' בענין זה).

5) "מ'קוה: צריך לטבול בערב שבת קודש לברוח מרשות הרבים אל רשות היחיד יחודו של עולם: ראה בספר הקדוש באר מים חיים (פרשת בהעלותך), ראה עוד תיקוני זהר (דף ס' עמוד א'), רעיא מהימנא (השמטות דף רס"ד עמוד ב'), רעיא מהימנא (במדבר פרשת פנחס דף רמ"ב עמוד א'), תיקוני זהר (דף כ' עמוד א'), תיקוני זהר (דף ס"ו עמוד ב'). ועל כן הצדוקים האלו הכשילו קודם במקוואות פסולות להכעיס, זאת אומרת יודעים רבונם ומתכוונים למרוד בו, וכשגמרו במכשולי המקוואות התחילו לעקור מצוות שבת. [ראה רש"י בראשית י"ג, י"ג, עה"פ: ואנשי סדום רעים וחטאים לה' מאוד].

### שבעים אלף איש כפרו בתחיית המתים בגלל שאכלו ונתפטמו במאכלות אסורות עד שיצאו מהדת ובא עליהם מלך והרג את כולם

וכן מובא בדגל מחנה אפרים" (פרשת עקב מכתב מהרמב"ם זצ"ל) ששבעים אלף איש כפרו בתחיית המתים בגלל שאכלו ונתפטמו במאכלות אסורות עד שיצאו מהדת ובא עליהם מלך והרג את כולם רח"ל. וידוע שמערמת הסמ"ך מ"ם שלא לפתות כל יחיד ויחיד, רק מעמיד שוחטים ורבנים בכל מקום מסיטרא דיליה ועל ידי זה הכל ברשתו.

מורי ורבותי גיט א קוק אויף די מצוה פון עירוב שטייט דאך אין זוה"ק עני ורוכב על החמור וואס אין דעם איז תלוי ביאת המשיח על כן לייקענען די צדוקים מינים ואפיקורסים אין די מצוה פון עירוב: וז"ל: **רעיא מהימנא:** כתיב ביי ב**משיח** (זכריי ט' ט') "**עני ורוחב על החמור", ענ"י** איהו תמן בסימן עירובין נידה ייבמות, ושאר מתניתין בכלל ולא איתקרי תמן מלך עד דרכיב בסוסיא דיליה כנסת ישראל. (רעיא מהימנא ריש פרשת כי תצא).

### אכילת חלב מביא את האדם לכפור באלוקי ישראל כמו שראינו אצל שבתי צבי ימח שמו וזכרו

ובנוסף לזה נביא גביית עדות מבית דין הגדול שבירושלים - איך ששבתי צבי לקח מנין והאכיל אותם חֵלֶב הכליות שהיא איסור כרת ועשה על זה הברכה ברוך אתה ד' אלקינו מלך העולם מַתִּיר אֲסוּרִים, כמו שמובא בספר תורת הקנאות לרבינו יעקב מעמדין זצ"ל והיא קבוצת מאמרים וכתבים נגד שבתי צבי ומתי סודו, נדפס באמסטערדאם תקי"ב. ונדפס בדפוס צילום בירושלים תשל"א ע"י הוצאת מקור, וז"ל:

טופס קבלת עדות בירושלים תוב"ב: במותב תלתא בי דינא כחדא הוינא, ואתא לקדמנא החכם הכולל מהו"רר משה חביב איש ספרדי והעיד בתורת עדות (בלשונו), וז"ל בלה"ק: אני מעיד שמפורסם הדבר בין תלמידי חכמים בירושלים וחברון, ששבתי צבי תר"ו קודם שהמיר דתו, האכיל חלב כליות לעשרה מישראל, גם צוה להם להקריב פסח בחוץ לארץ והאכילם כסדר אכילת פסח, גם עשה ברכה על אכילת חלב בזו הנוסחא, ברוך אתה ה' מַתִּיר אסוּרים, וגם שמעתי דבר זה מאדם אחד בעל תורה גדול שעשה גם כן דבר זה ואחר כך עשה תשובה, גם שמעתי שבשנת תכ"ה גילה שבתי צבי על עצמו שהוא משיח בן דוד...... עוד שמעתי מהחכם הכולל הרב אברהם יצחקי אב"ד ור"מ דספרדים בעיה"ק ירושלים תוב"ב, ששמע מרבו הגדול החכם הכולל מהור"ר משה גלאנטי אומר, מתחילה לא הייתי מבזה לשבתי צבי ימח שמו וזכרו, אף על פי שלא הייתי מאמין בו, רק אחר שראיתי כתב יד של שבתי צבי ימח שמו וזכרו שכתב לכאן לאחד שהיה מאמין בו, וחתם את עצמו אני הוי"ה אלקיכם שבתי צבי, דהיינו שכתב שם הקדוש ככתיבתו, אחר זה אני מחרים אותו בכל יום ויום, עכ"ל.

די זעלבע זאך מאכען נאך די צדוקים, זיי שרייבען אויף זיך מלכות סאטמאר, פרעג איך אייך ווי קען קומען א יוד אין שרייבען אויף זיך מלכות, דארט ווי מען זאגט יעדען טאג כי המלכות שלך הוא" און ה' מלך גאות לבש, הממליך מלכים ולא המלוכה (זעה במ"ח פ' ויחי פרק מט), אבינו מלכינו אין לנו מלך אלא אתה, לעד ולעולם ולעולמי עולמים, (זעה ישמח משה האזינו דף קמ"ו ע"א, עיי"ש באריכות, וועט איר פארשטיין ווער די בריונים זענען), וכו', איך האב שוין געהערט פון א רב וואס האט מוחה געווען אויף דעם, דאס איז דאך עכט אפיקורסות. בחייו פון רביה"ק זי"ע האבען זיי דאס קיינמאל נישט געשריבען.

דאס זעלבע הייסען זיי יעדען מאכען ברכות לבטלות [6] ביי די קליינע עירובי חצרות, חאטש עס איז דא אן עירוב כללי.

---

6) שמות (פרק כ' פסוק 'ז) לֹא תִשָּׂא אֶת שֵׁם יְהֹוָה אֱלֹהֶיךָ לַשָּׁוְא כִּי לֹא יְנַקֶּה יְהֹוָה אֵת אֲשֶׁר יִשָּׂא אֶת שְׁמוֹ לַשָּׁוְא.
מען קען מרמז זיין אז וועגען דעם איז דער איסור פון לא תשא דייקא אין די עשרת הדברות "דברה ד'", די תורה הקדושה האט געוואלט מרמז זיין פאר די צדוקים זאלן נישט הייסען מאכען א ברכה לבטלה בעקלאמפערשט וועגען שמירת שבת (וואס געפאלט אין יום ז') ביי די מצוה פון עירוב.

---

שטעלט אייך פאר, אויב אין ירושלים וואלט די רבנות הראשית ארויס געקומען מיט א פסק, אז דער עירוב פון עדה החרדית איז נישט כשר, ועל כן זאל מען אין יעדען חצר אין ירושלים מאכען אליין אן עירוב מיט א ברכה בשם ומלכות, וואלט שוין געשטאנען אין דער איד וואס ער וואלט זיך בעסער געדארפט זיך רופען דער גוי, מיט די גרעסטע קידוש לבנה אותיות אז די רבנות הראשית האט זיך גע'שמד'ט, זיי הייסען מאכען ברכות לבטלות, זיי לייקענען אין די עשרת הדברות "לא תשא את שם ה' אלוקיך לשוא.

עס וואלט אוודאי געווען א פראטעסט אין מעדיסאן סקווער גארדענס פון 10 טויזנט מענטשען, און אויב דאס וואלט נישט געהאלפן מבטל צו זיין די ביטערע גזירה, וואלט מען אוודאי גערופען גאנץ אמעריקא פראטעסטירען, קיין וואשינגטאן, מבטל צו זיין די ביטערע גזירה! לאמיר פרעגען אונזערע סאטמערע חסידים, ווי קענען מיר זיין אזעלעכע נערנים טפשים, און זיך לאזען פירען ווי די קעלבער צו די שחיטה (כצאן לטבח, ועיין ישמח משה פרשת בראשית דף ז' ע"ב), זענען מיר טאקע אזוי משוגע?

### אומרים ארור המן אשר בקש לאבדי כי הוא האכיל את בני ישראל במאכלות אסורות, על ידי כך היה לו את הכח לגזור על היהודים גזירות קשות

איתא במסכת (מגילה י"ב) לכן אומרים ארור המן אשר בקש לאבדי כי הוא האכיל את בני ישראל במאכלות אסורות, על ידי כך היה לו את הכח לגזור על היהודים גזירות קשות. וכתב בב"ח (או"ח סי' תר"ע) וזל"ק, בפורים היתה עיקר הגזירה לפי שנהנו מסעודתו, ע"כ נגזר עליהם להרוג ולאבד את הגופים שנהנו מאכילה ושתי' של איסור ושמחה ומשתה של איסור, וכשעשו תשובה עינוי נפשותם כמו שאמרה אסתר "לך כנוס את כל היהודים ואל תאכלו ואל תשתו שלשת ימים" לפיכך קבעום למשתה ויום טוב לזכור את עיקר הנס. ולכן אומרים ברוך מרדכי היהודי כי בזכותו היהודים ניצלו מגזירתו של המן, הוא נזהר שיהודים לא יכשלו במאכלות אסורות, ולכן הוא ישב בשער המלך לשמור שאסתר לא תאכל אוכל שאינו כשר.

### מכתב ג'

לכבוד חברי הבית דין של מחזיקי הדת שליט"א

... איך וויל אייך פארציילען אן אינטערעסאנע היסטאריע וואס עס איז פארגעקומען אין שומר שבת שוהל אין בא"פ.

איינער האט געברענגט דעם צייטונג דער איד, מיר האבען אריינגעקוקט, עס איז דארט געווען א תלמיד חכם, ער האט אונז אנגעפאנגען מסביר צו זיין די אפיקורסות וואס דער שרייבער, דער צדוקי, דער אלטער זייפן משנה פלאפער, שימפט א קעגען די הייליגע תורה הקדושה, ער איז מזייף אויף אזוי ווייט, אז די האר שטעלט זיך אויף איינעם אויפן קאפ! - איך וויל נישט א מאל איבערשרייבען די אפיקורסות, ווייל די חז"ל זאגען אין

---

ראה שבועות לט ע"א: שכל העולם כולו נזדעזע בשעה שאמר הקדוש ברוך הוא בסיני לא תשא את שם ה' אלהיך לשוא וכל עבירות שבתורה נאמר בהן ונקה וכאן נאמר לא ינקה וכל עבירות שבתורה נפרעין ממנו וכאן ממנו וממשפחתו שנאמר אל תתן את פיך לחטיא את בשרך ואין בשרו אלא קרובו שנאמר ומבשרך לא תתעלם וכל עבירות שבתורה נפרעין ממנו וכאן ממנו ומכל העולם כולו שנאמר אלה וכחש, וכו'.

ירושלמי ברכות דף ט ע"א: אנכי ה' אלקיך שמע ישראל ה' אלקינו. לא יהיה לך אלהים אחרים על פני ה' אחד. לא תשא את שם ה' אלקיך לשוא ואהבת את ה' אלקיך. מאן דרחים מלכא לא משתבע בשמיה ומשקר. זכור את יום השבת לקדשו למען תזכרו. רבי אומר זו מצות שבת שהיא שקולה כנגד כל מצותיה של תורה דכתיב ואת שבת קדשך הודעת להם ומצות וחוקים ותורה צוית וגו' להודיעך שהיא שקולה כנגד כל מצותיה של תורה.

בסמ"ג חלק מצות עשה מצוה כ"ז: בפרק אין עומדין (לג, א) רב ושמואל דאמרי תרוייהו כל המברך ברכה שאינה צריכה עובר משום לא תשא את שם ה' אלהיך לשוא.

ראה סמ"ג חלק מצות לא תעשה מצוה רלח: לא תשא את שם ה' אלהיך לשוא (שמות כ, ז). רמב"ם ל"ת סב, סמ"ק קכט, יראים רמד (שיג), חנוך ל רמד (שיג), חנוך ל: כתוב בדברות הראשונות והאחרונות לא תשא את שם ה' אלהיך לשוא כי לא ינקה ה' את אשר ישא את שמו לשוא.

מסכת ע״ז (כ״ז ע״ב, ועיין בתוס׳ ע״ז י״ז), ופורץ גדר ישכנו נחש שאני מינות דמשכא[7] דאתי למימשך בתרייהו. איך וויל נאר פרעגען ווי קענען די סאטמערער חסידים דאס פארשווייגען, דארט ווי דער גאנצער צייטונג שרייבט אלע עבירות וואס עס טוט זיך אפ אין ארץ הקודש, אין דא זעהען זיי אפען דעם אפענעם אפיקורסות וואס דער שרץ טמא שרייבט, וואס אפילו בן גוריון האט אזעלכע אפיקורסות נישט געשריבען. וויל איך פרעגען ווי זענען די אלע אמת׳ע קנאים וואס קומען פון שבט לוי, ווי עס שטייט אין ספה״ק לקוטי תורה (תהלים קפ׳ קטו) פה ״להם ״ולא ״ידברו ר״ת לוי וכן עינים ״להם ״ולא ״יראו ר״ת לוי וכן בשאר ר״ת לוי ורמז לזה על שבטו שפה להם ולא ידברו אלא אלהיך ישראל ולא האמינו בעגל שאמרו עליו שהכל שקר ולא האמינו כמארז״ל כי שבט לוי לא היה להם חלק בעגל וחרשו אזנים וסגרו עינים וסתמו פיהם במעשה עגל. – יעצט אויב אזוי, ווי זענען די סאטמערע אמת׳ע קנאים, פארוואס שווייגען זיי ווען זייערע אייגענע צדוקים און מינים ואפיקורסים אקעגען זייערע אויגן רייסען שטיקער און מעקען אויס און זענען מזייף די הייליגע תורה?

איך וויל אייך פרעגען, ווי קען די הנהלת סאטמער צו לאזען מען זאל מפרסם זיין אזעלעכע אפענע כפירות בתורתינו הקדושה? - געדענקט! די פרשה פון עגל חזר׳ט זיך יעצט איבער. איז טאקע שוין גאנץ סאטמער אויס׳גשמ׳ד, מיר האלטען שוין אזוי ווייט ח״ו?

תשובה: די סאטמערע זענען נעבעך תינוקות שנשבו, ווייל דער איד מיט די צייטונג טוט זיי ברען וואשען מיט אט די אלע פאלטשע מאמרים יאר איין יאר אויס, זיי מיינען נעבעך אז דאס איז די הייליגע תורה. אבער טראכט נישט אז דאס איז כולו סאטמאר, ווייל איינער פון אונזערע חברי הוועד איז דוקא א גרויסער סאטמערער חסיד וואס ער שרייט געוואלד! מען מוז מגלה זיין דעם אמת, וואס פון ווען ער האט געהערט אז קאשוי רב מיט קלויזנבורגער רב מיט נאך רבנים זענען ארויסגעקומען אז מען פיטערט אונז מיט חלב ודם, האט ער באלד אויפגעהערט צו עסען אט די טרייפענע פליישען.

עס איז אמת אז א גרויסער סאטמערער עולם איז נעבעך מטומטם געווארען פון די אפיקורסישע מאמרים פון דער איד, וואס האלט אין איין מזייף זיין כל דברי גדולי ישראל, ביז צום זוה״ק. ער שרעקט זיך נישט פון קיינעם. דאס איז דער ריכטיגער עגל הזהב, ווי די תורה הקדושה זאגט אונז: (שמות לב פסוק ד) וַיִּקַּח מִיָּדָם וַיָּצַר אֹתוֹ בַּחֶרֶט וַיַּעֲשֵׂהוּ עֵגֶל מַסֵּכָה וַיֹּאמְרוּ אֵלֶּה אֱלֹהֶיךָ יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר הֶעֱלוּךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם. קודם שרייבען זיי אין די צייטונגען, זיי זענען מפרסם די פאלטשע מאמרים ודיעות כוזבות, דאס מיינט וַיָּצַר אֹתוֹ בַּחֶרֶט, דער נאך ווערט דאס אטאמאטיש וַיַּעֲשֵׂהוּ עֵגֶל מַסֵּכָה, עס האט זיי געדוירט 3 יאר ביז דאס פאלטשע קעלבעל זאל געבוירען ווערען (א חוץ פון דעם האבען זיי אונטערגעקויפט אלע צייטונגען וואס דער חרדישער עולם ליינט, (די צייטונגען האבען נישט געטארט אריינלייגען הכחשות א קעגען זייערע זיופים, אדער התעוררות פון ספרים הקדושים בעלי השו״ע, דאס איז דער סיסטעם פון שמד וואס די ציונים האבען אלע יארן געטוהן ביי די תימענער קינדער, אלע צייטונגען זענען אינטערגעקויפט געווארען, קיינער האט נישט געטארט שרייבען דעם אמת [נוסח דייטשלאנד,רוסלאנד]), און אסאך רבנים פון רעכט און פון לינקס, ביז ביז, עס איז ארויס א שיין קעלבעל וואס זיי רופען דאס אן ״רבינו הקדוש איז געווען א קעגען עירוב, און ער איז גאר געווען דער גרעסטער לוחם א קעגען עירוב, [פונקט ווי מען האט אויף געטוישט, מען האט געהאט אזא גרויסען מנהיג ווי משה רבינו, האט מען געמאכט אן עגל און מען האט געשריגען אז דער קעלבעל איז אונזער מנהיג], יעצט אז דאס קעלבעל איז שוין אזוי שיין גרויס, אלע גלייבען שוין אין דעם קעלבעל אז דער איז א מנהיג אמיתי, קענען שוין קומען צענדליגע רבנים און שרייען - וַיֹּאמְרוּ אֵלֶּה אֱלֹהֶיךָ יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר הֶעֱלוּךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם, דאס איז די תורה פון צדיק הדור דער הייליגער סאטמערע רבי זי״ע, וואס איז געראטעוועט געווארען פון אוישוויטץ, און ווער קען קומען קריגען אויף רביה״ק זי״ע. [יא רבותי! די דייטשען ימ״ש האבען נישט געקענט הארגענן רביה״ק, אבער די צדוקים קענען דאס יא באווייזען]. איר קענט אלע זיין זיכער דאס רבינו הקדוש וועט זיי אלע שיין צוריק צאלען פאר אלע זייערע פאלטשע מעשים וואס זיי טוען אין זיין הייליגען נאמען.

אויב איר וועט גיט אדורך לערנען די ספרים אויף מצות עירוב, וועט איר אלעס קלאר פארשטיין. די נעמען פון די ספרים זענען: תיו יהושע, בית אב, על מצות עירוב, חי אנכי לעולם, משנה הלכות, אור ישראל, ועוד.

---

### *מכתב ד׳*

### *לכבוד בית דין צדק מחזיקי הדת שליט״א*

איך ליין די עטליכע וואכען אייערע מאמרים מיט געוואלדיגע אינטערעס, און איך האלט אז אויב מען וואלט געטיילט מעדאלען פאר מאמרים, אלס גיטער און אויסגעהאלטענע מאמרים זענט איר נאמער 1., נישט נאר וואס איר שטייט אין א הויכע ניוואו, נאר עס איז פשוט מגלה דעם אמת, און אייערע מאמרים איז ממש אויסגעהאלטען יעדע זאך וואס איר שרייבט, מיט די געוואלדיגע מראה מקומות, נישט בלויז ארויסגעזויגען פון פינגער.

איך מוז אייך פארציילען אן אינטערעסאנטע זאך, איך האב מיך פאר 2 וואכען צוריק זיך געטראפען ביי א שמחה של מצוה מיט עטליכע סקווערער מיט באבעווער חסידים און בלויז איין סאטמערער חסיד אין דער מיט, און מען האט געשמוסט וועגען אייערע מאמרים, האט זיך אנגערופען דער סקווערער חסיד עה! אלעס באבע מעשיות, דער באבעווער חסיד האט געזאגט ניין! 90% איז אמת אבער 10% פראצענט איז מוגזם. האט זיך דווקא דער סאטמערער זיך אנגערופען וואס??? עס איז נישט דא קיין איין ווארט וואס זאל נישט זיין אמת!, די אנדער 2 האבען איהם געזאגט אָה! עס איז מוגזם, האט דער סאטמערער זיך אנגערופען וואס הייסט? ווער עס וואוינט אין וויליאמסבורג וועט אייך עדות זאגען אויף יעדע פאסירונג וואס האט דארט פאסירט, און איך קען זיך שווערן דערויף אויב מען וואלט געמעגט שווערן.

איך האב זיך צו די יונגעלייט אנגערופן בזה הלשון ״אזוי ווי איך בין א ליינער פון עטליכע אידישע צייטונגען, האב איך א מאל געזעהן אין ״דער איד״ ווי ער באשרייבט א מעשה שהיה ווי עס איז געווען א פראטעסט אין ארץ ישראל ביים כותל מערבי מטעם אלע ערליכע גדולי רבנים ומנהיגי ישראל, און עס איז דארט געווען בערך 20 טויזענט אידען כ״י, מען האט געהאלטען דרשות און מען האט געזאגט תהלים ברבים, מתפלל געווען אויף די גאולה שלימה וכו׳, איך בין גראדע דארט געווען, איך קען אייך זאגען דאס איך האב נאך אין מיין לעבען נישט געהאט אזא גרויסע התעוררות ווי דארט.

איך קום אהיים אויף אמעריקא און איך לייען אין דער איד, און איך זעה ווי איינער פון די שרייבער׳ס גיסט פעך און שוועבעל אויף די אויבענדערמאנטע אסיפה און די גדולי האדמוריי״ם רבנים וראשי ישיבות, און שרייט געוואלד! פארוואס האבען די רבנים נישט גערדרש׳נט וועגן אט די און די פירצה, וכו׳, מיין בלוט פאנגט אהן צו קאכן איך שפרינג אויף ביי מיר אין שטוב איך לויף ארום, איך שריי צו מיין ווייב געוואלד! ווי קען מען זיין אזא ״חצוף״, ״אזא ליגנער״ ״אזא בלאפער״ אזא ״אויסווארף״, מדחצוף כולי האי האי ש״מ..., זיי זענען די שרייער׳ס אויף די גרעסטע גדולי ישראל, זיי ווילן אנטיילן די רבנים וואס צו טוהן?, אזעלכע נידריגע ברואים וואס כל ימיהם ליינען זיי אלע טרייפענע צייטונגען און קוקען יומם ולילה טעלעוויזשען, און וואס נישט? אזעלכע זאלן זיך טרויען עפענען זייער דזש׳אָרא, און וועלען איינטיילען די גדולי ישראל אין ארץ ישראל וואס זיי זאלען יאָ דרשנ׳ן אין וואס נישט???,

און גראדע איז יעדע טענה וואס דער חצוף האט גע׳טענה׳ט פארוואס זיי דרש׳ענען נישט, האט מען דארט מעורר געווען

---

7) די מפרשים פרעגען אויפן רמב״ס פארוואס ער ברענגט נישט די הלכה פון הקורא בספרים חיצונים אין לו חלק לעוה״ב, וז״ל ספר קובץ שיעורים ח״ב סימן מ״ז: מה שלא הביא הרמב״ם הא דקורא בספרי מינין אין לו חלק לעוה״ב, אפשר שזו היתה קושית באר שבע, יש לומר דהא דקורא בספרי מינין אין לו חלק לעוה״ב אין הכונה מפני שעבר על איסור קריאה, אלא הכונה שבא לידי כך שלא היה לו חלק לעוה״ב משום כפירה, והכופר אין לו חלק לעוה״ב, ודין זה כבר כתב הרמב״ס, עכ״ל.

נו אויב אזוי? ווי מעג מען אפילו ארייננקוקען אין דער איד, עס איז דאך מלא כפירה ומינות וואס עס איז נאך נישט געווען אין די היסטאריע אזאנס, און יעדער שווייגט?

ביי די דרשות, און איך האב גערעדט מיט אַפּאָר מענטשען וואס זענען אויך דארט געווען, האט מיר איינער פון זיי געענטפערט, אז אין ארץ ישראל האט מען געלאכט אין פויסטען פון דעם נידערטרעכטיגן ליגנער און בלאפער אויסווארף מכלומר׳שטען אזוי גערופענעם אידישען צייטונג, וואס דער צייטונג איז דאך מוקצה מחמת מיאוס, און איך קען נישט פארשטיין ווי קען זיין אז צווישן די ערליכע אמת׳ע סאטמערע חסידים זאל זיך נישט טרעפען איין חסיד וואס זאל מגלה זיין קלונו של העיתון הפסול הזה ברבים.

איז דען נאך אזא חצוף געווען אין די גאנצע אידישע געשיכטע???

איז דען דא איין ערליכער רב אבער רבי וואס באלאנגט נישט צו זיי, [אדער פון זייערע וואס האט געזאגט אדער זיך אנגענומען פארן אמת] וואס דער אותו האיש צייטונג וכת דלי׳ האט נאך נישט מבזה געווען בביזוי בזיונות?

איך האב געכאַפּט אַ שמועס מיט א רב פון התאחדות הרבנים, און איך האב איהם אלעס פארציילט, דער רב האט מיר געזאגט, אויב די ווילסט וויסען מיין מיינונג וועגען די בריה משונה וועל איך דיר זאגען וזה לשונו "די שרייבער׳ס זענען פון די זרע עמלק שדין רוחין ולולין, ווי עס ווערט געברענגט אין ויואל משה אז פאר משיח וועט קומען וועלן די זרע עמלק פונקט אזוי אויס זעהן" און האט מיר נאך צו געגעבען אז דער קאפישער רב זצ״ל האט א מאל געזאגט ביי זיין שיעור ביים פרק לערנען, אז ער פארשטייט נישט ווי מען האט די ברואים נאך נישט ארויס געווארפן פון סאטמער"!

האב איך דעם רב געענפערט אז "זרע עמלק איז צו אן איידעל ווארט פאר זיי", זיי זענען דאך טויזנט מאל ערגער, און וועגן דעם קען מען זעהן ווי איינער פון זייערע קינדער האבן ארויס גע׳גנב׳ט הונדערטער פאר פרשיות פון די תפילין פון אידען וואס האבען געדאווענט אין סאטמער בית המדרש, און מיט אפאר טעג שפעטער צוריק געלייגט די תפילין נאר ער האט קודם ארויסגענומען די פרשיות פון די תפילין אין אזוי האבען אידען יארן לאנג געלייגט תפילין מיט ליידיגע בתים אהנע פרשיות, שומו שמים!. (נאך איין ביטערע מעשה איז פארגעקומען וואס מען האט איהם אפגעשניטען די פיאות רח״ל, ואכמ״ל). <u>די מעשה נבלה האבען די רעדאקטער׳ס נישט באשריבען אין דעם "ערב רב" צייטונג?</u>

איך מוז אייך ווינטשען טייערער בית דין, דאס איר זאלט האבען אריכות ימים ושנים טובים און איר זאלט זוכה זיין צו בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצוות.

אהרן ווייס פון פלעטבוש

---

**מכתב ה׳**

לכבוד הבית דין צדק דקהל מחזיקי הדת שליט״א

<u>שאלה:</u> ... ליינענדיג די צייטונג דער איד, זעה איך אז די חברה זענען אינגאנצען טאטאל משוגע צודרייט, זיי באלאנגען דאך גראד אין משוגעים הויז, איך וועל אייך דאס צולייגן אויף קליין געלד. - זיי האלטן אין איין פראגאמנדירען אז וועגן דעם טויג נישט דער עירוב ווייל עס איז נישטא קיין בית דין קבוע וואס זאל מאכען אן עירוב. (הגם עס איז יא דא א בית דין, אבער נישט זייער בית דין), ווייל איך אייך מגלה זיין, דאס איך האב דורך געלערנט מסכת עירובין מיטן שו״ע עטליכע מאל, איך האב אדורך געלערנט אלע הלכה ספרים וועגען עירובין, איך האב אין ערגעץ נישט געטראפן אזא הלכה?

**זיי מאכען די קשיא איז נאך שטערקער**

נניח אז זיי האבען א גוטע טענה, אז מען דארף האבען א בית דין מיוחד אויף צו מאכן אן עירוב. נו אויב אזוי, האבען זיי דאך שוין אויף געשטעלט עטליכע בית דין׳ס מיוחדים, נו פארוואס מאכען זיי נישט אן עירוב? דער תירוץ פון בית דין מיוחד איז דאך שוין ביי זיי עטליכע מאל אוועק געפאלען, אויב אזוי אז זיי מאכען נישט קיין עירוב מיט זייערע בתי דינים איז דאך פון דא די גרעסטע ראי׳ אז זיי זענען פשוטע מינים ואפיקורסים צדוקים אשר לא היה כזאת מימות עולם?

**וואס טוט זיך אין ארץ ישראל וואס דער הייליגער סאטמערער רבי זצ״ל איז דארט געווען גאב״ד אלע יארן - וויפיל עירובין איז דא אין ירושלים?**

1. די עדה החרדית האט געמאכט אן עירוב.
2. זענען געקומען די ספרדים, זיי האבען אייגענע רבנים, זיי האבען זיך נישט געוואלט פארלאזן אויף די עדה, האבען זיי אויך געמאכט אן עירוב.
3. איז געקומען די רבנות הראשית לישראל, זיי האט נישט געפאסט זיך צו פארלאזן אויף די עדה ביי אזא גרויסע זאך ווי עירוב, האבען זיי אויך געמאכט אן עירוב.
4. מיר האבען קיינמאל נישט געהערט א פיפס פון די עדה א קעגן די אנדערע עירובין, עס איז טאקע געווען עטליכע בריונים וואס האבען געוואלט מאכען מחלוקת, אז נאר די עדה מעג מאכען אן עירוב, אבער די עדה האט זיך נישט געלאזט, זיי האבען גע׳טענה׳ט, מיר זענען נישט קיין מאנאפאל אויף די וועלט, אדרבה מיר פרייען זיך, זאל זיין 3 עירובין, וועמען באדערט דאס, פונקט פארקערט, אויב עס איז דא דריי, וועט אלעמאל זיין כאטש איין כשר׳ער עירוב, און אידישע קינדער וועלען קיינמאל נישט נכשל ווערן.

**קושטא קאי! שיקרא לא קאי!**

יעצט לאמיר זעהן, מיר האבען א כלל קושטא קאי שיקרא לא קאי[8], (לשיטתם) אויב עס איז דא א טראפעלע אמת אין די סאטמערער מנהיגים, לאמיר זעהן צו זייערע בתי דינים וועלען מאכען אן עירוב. אויב מאכען זיי אן עירוב איז א סימן אז עס איז נאך ביי זיי געבליבען א טראפעלע אמת! אויב נישט, דעמאלטס איז א סימן אז זיי זענען ריכטיגע צדוקים, וואס מען טאר זיך נישט אויף זיי גארנישט פארלאזען.

נישט אויף זייערע כשרות, נישט אויף זייערע מקוואות, נישט אויף זייערע פסקים, מען טאר קויפען קיין קרקע אין זייער בית החיים, ווייל זיי זענען לויט די תורה הקדושה מוחרם ומנודה לאלוקי ישראל, ווי עס שטייט קלאר אין ראש״ש און אין תשב״ץ. - איך בעט אייך שרייבט מיר קלאר, בין איך גערעכט אבער נישט?

<u>תשובה:</u> איר זענט 100% גערעכט, מיר האלטען איר זאלט גיין צו אלע זייערע רבנים וואס מען האט מזייף געווען זייערע חתימות, איר זאלט זיי דאס אלעס מסביר זיין. אדרבה פרעגט הגה״צ ר׳ אברהם לייטנער שליט״א, וואס ער האט געשריבען בשם כ״ק אדמו״ר מסאטמער אז ער איז געווען א קעגען עירוב, און האט מודה געווען פאר זיין איידעם הרב אברהאם אז ער האט קיינמאל נישט געהערט פון רביה״ק ער זאל זיין א קעגען עירוב, נאר אנדערע האבען איהם נאך געזאגט, איש מפי איש, וכו׳. ווי קומט דאס אז ער זאל אפען מבזה זיין רביה״ק זי״ע און איהם מאכען פאר א צדוקי און א זקן ממרה, ווייסט ער דען נישט דעם חומר הענין פון המוציא לעז אויף צדיקים[9] וואס זענען שוין בעולם העליון?.

די חז״ל זאגען דאך אז ווען איינער איז מבזה א ת״ח איז אן אפיקורס, און איז אין חרם אפילו קיינער לייגט איהם נישט אין חרם. ווען איינער איז אין חרם שטייט אין הל׳ אבילות אז מען טאר זיך נישט מתעסק זיין בקבורתו. על כן בעטען מיר אייך מיט אלע רבנים אינאיינעם חזור בך, אפשר וועט אייך נאך העלפען תשובה. געדענקט קושטא קאי שיקרא לא קאי! נישט נאר בבא נאך אויך בזה. דער אמת וועט ארויס קומען. פונקט אזוי ווי ביי די פרשה פון חלב איז דא טעיפס. היינט ביי די פרשה פון עירוב איז אויך דא טעיפס, מעןווארט נאר אז איר מיט אלע אייערע רבנים זאלען טיפער איינזינקען אין שאול תחתית, נאך דעם וועלען זיי מגלה זיין די אלע טעיפס. אבער מיר ווילען נישט ח״ו עס זאל אזוי זיין, מיר ווילען אז אלע זאלען שוין תשובה טוהן. וחזור בך!

---

8) זעה מסכת שבת דף ק״ד ע״א, וז״ל: מסייע ליה לריש לקיש, דאמר ריש לקיש מאי דכתיב אם ללצים הוא יליץ ולענוים יתן חן, בא ליטמא פותחין לו, בא ליטהר מסייעים אותו, ש״ן שקר תי״ו אמת מאי טעמא שקר מקרבן מיליה אמת מרחקא מיליה שיקרא שכיח קושטא לא שכיח ומאי טעמא שיקרא אחדא כרעיה קאי ואמת מלבן לבוניה קושטא קאי שיקרא לא קאי, וכו׳.

9) ראה בספר שערי תשובה שער הרביעי אות י״ט. שבת קיט:, עירובין כא:.